בס"ד

# פון פלאצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פסח
תשפ"ה
גליון קל"ט
שנה ד'

### פרעה'ס עקשנות איז נאר כדי ער זאל כאפן אלע מכות נישט ווייל די אידן דארפן נאך ליידן

**ואני ידעתי כי לא יתן לכם מלך מצרים להלוך ולא ביד חזקה. ושלחתי את ידי והכיתי את מצרים בכל נפלאותי אשר אעשה בקרבו ואחרי כן ישלח אתכם.**

(שמות ג, יט-כ)

מען קען טייטשן די פסוקים, אז "**ולא ביד חזקה**" מיינט, אז אפילו נאך עטליכע **שווערע מכות** וועט ער נאכאלץ נישט ארויסלאזן די אידן, נאר **והכיתי את מצרים "בכל נפלאותי"** נאכן באקומען אלע צען מכות **ואחרי כן ישלח אתכם** (עי' רש"י ורמב"ן)

די כונה פון דעם איז, ווייל ווען א מענטש זעט א זאך שלא כדרך הטבע דארף ער אינאכט נעמען אז דאס איז א צייכן פון הימל און דאס קומט עפעס ווייזן, ווייל עס איז נישט קיין ספק אז דער אויבערשטער טוט נישט קיין אויסטערלישע זאכן פאר סתם.

ממילא ווען די אידן וועלן זען אז פרעה כאפט געבראטענע מכות וואס בדרך הטבע וואלט ער שוין נאך די ערשטע פאר מכות זיך געדארפט אונטערגעבן און ארויסשיקן די אידן, און פונדעסטוועגן בייגט ער זיך נישט, וואלטן די אידן געקענט טראכטן אז מסתמא טוט דאס דער אויבערשטער נישט נאר ווייל ער וויל דערלאנגען מכות פאר פרעה, נאר אויך **ווייל די אידן דארפן נאך ליידן** אין מצרים, און וועגן דעם פארהארטעוועט ער פרעה'ס הארץ כדי די אידן זאלן נאכנישט ארויסגיין.

אבער דער אמת איז, אז דער אויבערשטער האט הארט געמאכט פרעה'ס הארץ נאר וועגן איין מטרה, כדי פרעה זאל כאפן **צען מכות**, אבער נישט ח"ו ווייל עס איז זיך געקומען פאר די אידן נאך צו בלייבן אין מצרים.

וועגן דעם האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: "**ואני ידעתי כי לא יתן לכם מלך מצרים להלוך**" איך זאג דיר שוין יעצט אז פרעה וועט ענק נישט לאזן ארויסגיין, "**ולא ביד חזקה**" און אפילו ער וועט כאפן עטליכע **שווערע** מכות וועט ער זיך נאכאלץ נישט בייגן, וואס דאס איז א זאך שלא כדרך הטבע.

זאלסט אבער נישט מיינען אז דאס קומט ווייזן אז דא איז דא נאך א מטרה ווייל די אידן דארפן נאך ליידן אין מצרים, וועגן דעם האט דער אויבערשטער צוגעלייגט אז די איינציגע מטרה מיט דעם איז **והכיתי את מצרים "בכל נפלאותי" אשר אעשה בקרבו** כדי ער זאל קענען געבן פאר פרעה **אלע מכות** וואס ער דארף כאפן, און ווי נאר ער וועט ענדיגן כאפן אלע מכות וואס קומט זיך אים, גלייך "**ואחרי כן ישלח אתכם**", ווייל דא איז נישטא קיין שום כוונה אויפצוהאלטן די אידן אין מצרים.

**'קומץ המנחה' דרוש כו לפרשת אמור אות ה' ו'**

### די אידן זענען נתקדש געווארן קדושת הגוף און דאס האט מבטל געווען דעם שעבוד צו פרעה

**ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים.**

פארוואס רעדט ער דוקא פון דריי דורות "**אנו ובנינו ובני בנינו**"?

נאר אין פרשת שמות ווען דער אויבערשטער האט געשיקט משה רבינו צו פרעה צו גיין אויסלייזן די אידן, שטייט (שמות ג, יא-יב) **ויאמר משה... מי אנכי כי אלך אל פרעה... ויאמר כי אהיה עמך וזה לך האות כי אנכי שלחתיך בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה.** דארף מען פארשטיין, וואס קומט דא אריין דער המשך פון "**וזה לך האות כי אנכי שלחתיך בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה**", וואס האט דאס צוטון מיט משה רבינו'ס שאלה וואס ער האט געפרעגט "מי אנכי כי אלך אל פרעה"? (ועי' רש"י שם)

קען מען זאגן, אז משה רבינו האט דא געהאט א טיפערע כוונה אין זיין שאלה. ווייל באמת איז דאך די גזירה פון גלות מצרים געווען אויף 400 יאר, נאר דער אויבערשטער האט מקדים געווען דעם קץ און זיי אויסגעלייזט נאך 210 יאר. האט משה רבינו חושש געווען אז גאנץ גוט אויב די אידן זענען ראוי מן הדין צו ווערן יעצט אויסגעלייזט דארף מען נישט חושש זיין אז עס וועט זיין עפעס א קטרוג אפצוהאלטן די גאולה. אבער היות אז די פריצייטיגע גאולה איז שלא מן הדין, קען דאך די קלענסטע קטרוג אפהאלטן די גאולה ווייל באמת איז דאך נאכנישט געקומען די ריכטיגע צייט. דאס האט ער געמיינט צו פרעגן: "**מי אנכי כי אלך אל פרעה וכי אוציא את בני ישראל ממצרים**" - וואס האב איך צו גיין יעצט אויסלייזן די אידן אויב די קלענסטע קטרוג קען דאס צום סוף אפהאלטן?

האט אים דער אויבערשטער געענטפערט: אז די סיבה טאקע פארוואס ער לייזט זיי שוין יעצט אויס כאטש זיי האבן נאכנישט משלים געווען די גאנצע 400 יאר פון שעבוד איז ווי חז"ל זאגן (גיטין מ:) "הקדש מוציא מידי שעבוד", ווען איינער איז משעבד זיין בהמה פאר א חוב וואס ער איז שולדיג, און נאכדעם איז ער מקדיש דעם בהמה "קדושת הגוף" אז ער גייט דאס ברענגען פאר א קרבן, ווערט דער שעבוד בטל, און דער מלוה קען נישט קומען גובה זיין פון דעם בהמה, ווייל קדושת הגוף ווארפט אפ דעם שעבוד.

איז וויבאלד דער אויבערשטער האט געזאגט ביים ברית בין הבתרים "ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה", און ביים אויבערשטן איז א דיבור פונקט ווי א מעשה, זענען די אידן וועגן דעם דיבור געווארן משועבד צו פרעה אויף 400 יאר. אבער שפעטער ביי מתן תורה האט דאך דער

אויבערשטער מקדיש געווען די אידן בקדושת הגוף, ווי עס שטייט (שמות יט, ו) "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", און קדושת הגוף איז דאך מפקיע דעם שעבוד, ממילא איז די שעבוד צו פרעה בטל געווארן, און זיי דארפן נישט משלים זיין די איבעריגע יארן כאטש זיי זענען ארויס פאר די באשטימטע צייט.

דאס האט דער אויבערשטער געענטפערט פאר משה רבינו: "**זה לך האות כי אנכי שלחתיך**" דא האסטו א צייכן אז איך שיק דיר אויסלייזן די אידן און זיי דארפן נישט מורא האבן אז עס איז נאך געבליבן יארן פון שעבוד משלים צו זיין, ווייל "**בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה**" און ביים בארג סיני גיי איך מקדש זיין די אידן **קדושת הגוף**, ממילא וועט זייער שעבוד צו פרעה אינגאנצן בטל ווערן ווייל קדושת הגוף איז מוציא מידי שעבוד.

מיט דעם קען מען טאקע מסביר זיין פארוואס דער בעל הגדה רעדט דוקא פון דריי דורות "אנו ובנינו ובני בנינו", ווייל ביים ברית בין הבתרים שטייט (בראשית טו, טז) "**ודור רביעי ישובו הנה**" אז די פערטע דור פון גלות מצרים גייט צוריק קומען צו ארץ ישראל, זעט מען אז די 210 יאר וואס כלל ישראל איז געווען אין מצרים רעכנט זיך פאר דריי דורות, און 70 יאר הייסט א דור. אויב אזוי קומט אויס אז אויף משלים צו זיין די 400 יאר וואלטן נאך דריי דורות געדארפט בלייבן אין מצרים, ווייל מען האט נאך געהאט משלים צו זיין כמעט 200 יאר.

אבער ווי געזאגט האט דער אויבערשטער ארויסגענומען די אידן פון מצרים כדי זיי מקדש צו זיין קדושת הגוף וואס דאס האט מבטל געווען דעם שעבוד צו פרעה. וועגן דעם זאגט דער בעל הגדה: "**ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים**" איז אפילו אויב וואלטן די אידן געטון א תחבולה ארויסצוגיין פריער, "**הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים**" וואלט אבער נאך דריי דורות געווען משועבד צו פרעה, ווייל מען וואלט דאך געדארפט משלים זיין די 400 יאר. אבער יעצט אז דער אויבערשטער האט אונז אויסגעלייזט און אונז מקדש געווען קדושת הגוף איז שוין די איבעריגע יארן פון שעבוד בטל געווארן.

**הגדה 'ברכת השיר' פיסקא 'עבדים היינו'**

## ווען מיר האבן נישט קיין קרבן פסח ווערט די אפיקומן גערעכנט פונקט ווי די קרבן פסח ממש

**חכם מה הוא אומר מה העדות והחוקים... ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן.**

לכאורה איז שווער, ווייל אין די תורה שטייט (דברים ו, כ-כא): "**והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ה' אלקינו אתכם**" וואס דאס איז דאך די שאלה פונעם חכם, איז דער פסוק ממשיך: "**ואמרת לבנך עבדים היינו לפרעה במצרים**". איז פארוואס זאגט דא דער בעל הגדה אן אנדערע זאך: "ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח"?

אויך איז שווער, פארוואס שטייט "כהלכות הפסח", לכאורה וואלט געדארפט שטיין "ואף אתה אמור לו הלכות הפסח"?

קען מען זאגן, אז חוץ די תירוץ וואס שטייט אין פסוק, וואס דאס זאגט מען טאקע גלייך אין אנפאנג "עבדים היינו לפרעה במצרים", קומט דער בעל הגדה צולייגן אז עס קען זיין אז פאר'ן חכם איז די תשובה נישט גענוג, ווייל ער קען זיך וואונדערן, מילא ווען מיר האבן געהאט א בית המקדש און מען האט געטון די עבודה האבן מיר דאך מקריב געווען א קרבן פסח וואס איז א זכר צום נס פון יציאת מצרים, אבער בזמן שאין בית המקדש קיים, זענען מיר דאך נישט מקריב קיין קרבן פסח, איז "**מה העדות והחוקים אשר צוה ה' אלקינו אתכם**" וואס האבן מיר היינט פון דעם? און פארוואס מאכן מיר היינט א זכר לחירות ווען מיר זענען ליידער צוריק אין גלות און מיר האבן נישט קיין קרבן פסח?

וועגן דעם לייגט צו דער בעל הגדה: "**ואף אתה אמור לו** בנוסף צום תירוץ פון "עבדים היינו" זאלסטו אים **אויך** זאגן, "**כהלכות הפסח**" אז דאס וואס מיר טוען היינטיגע צייטן א זכר לחירות און מיר עסן אפיקומן זכר לקרבן פסח, איז נישט נאר סתם א זכר, נאר ברוב חסדו רעכנט דאס דער אויבערשטער ממש "**כהלכות הפסח**" ממש ווי גלייך מיר האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח אליין! והא ראיה, ווייל "**אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן**" נאכן קרבן פסח האט מען דאך נישט געמעגט עסן, און אפילו היינט וואס מיר האבן נישט בפועל א קרבן פסח און די אפיקומן איז נאר זכר לקרבן פסח, טארן מיר דאך אויך נישט עסן נאכדעם. זעסטו פון דעם אז וואס מיר מאכן פאר א זכר לקרבן פסח נעמט דער אויבערשטער אן ממש ווי מיר וואלטן בפועל מקריב געווען דעם קרבן פסח.

הגדה 'ברכת השיר' פיסקא 'חכם מה הוא אומר' ד"ה מה שלא נזכרה

א כשר'ן פרייליכן פסח לנו ולכל ישראל

בקרוב נהל נטעי כנה פדוים לציון ברינה

ונאכל שם מן הפסחים ומן הזבחים

מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

משפחת **באכנער** שיחיו
לע"נ אביהם הרה"ג **אליהו**
ב"ר **יהושע דוד** ז"ל
יארצייט י"ז ניסן

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זצ"ל
יהא זכר ועילו לנשמתו